# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן

פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו

גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון כ"ט - ויגש תש"פ •


## 'כוח הצדיק'

פרשת ויגש איז א מורעדיגע פרשה, און איינע פון די אינטערעסאנטע זאכן וואס אונז טרעפן אין פרשת ויגש, איז א יסוד, וואס הייסט דאס 'כוח הצדיק', ווי טרעפט מען אזא זאך: אין קאפיטל מ"ה, פסוק ז', דארט איז מסביר יוסף הצדיק צו זיינע ברודער: "וישלחני אלוקים לפניכם לשים לכם שארית בארץ ועתה לא אתם שלחתם אותי הנה כי אלוקים" - וואס קומט דא פאר? דא לערנט מען ארויס א יסוד, וואס הייסט דאס 'כוח הצדיק'. אלע ווייסן אז יוסף הצדיק - ווערט אנגערופן "צדיק יסוד עולם". מיר ווייסן אז אויף א יסוד שטייט א בנין, אזוי אויך אויפן צדיק שטייט די וועלט. לאמיר זעהן וואס איז דער גרויסער כוח פון דעם יסוד?

### וואס הייסט דאס, דער כוח הצדיק

אזוי ווי מיר ווייסן, אז ווי שטערקער איז דער יסוד פון בנין - שטייט דעם בנין בעסער. אזוי אויך די וועלט וואס שטייט אויפן צדיק וואס הייסט דאס, דער כוח הצדיק? דער צדיק באמת לערנט אויס פאר מענטשן, אז א מענטש האט נישט קיין כוח. פארקערט ווי די וועלט מיינט. און די וועלט ווייסט מען אז 'כח' איז דער טייטש, א מענטש האט קראפט - ער קען יא טועהן, ער האט יא א שטארקייט... אזוי ווי א מענטש וואס האט, למשל געלט - איז די געלט רעדט עם איין, אז די געלט קען אויספירן, און ער האט א האט א כוח. אזוי אויך יעדער שררה וואס א מענטש האט, יעדע סארט שטעלע - דאס מאכט עם שפירן אז ער קען, און ער איז ווערד, און ער האט שכל, יעדער איינער אין זיין תחום וואס ער קען.

### דער כוח געהערט צום אויבערשט'ן

דער צדיק לערנט אויס פונקט פארקערט - דער כוח געהערט צום אויבערשט'ן. דו האסט נישט קיין כוח, זיי זיך מבטל צום אויבערשט'ן.

און מ'וועט דאס פארשטיין, אין 'חובת הלבבות' ווערט דער מידת הבטחון צוטיילט אין צוויי סארטן דרגות: ס'איז דא א דרגה וואס הייסט - ער איז בוטח אין אויבערשט'ן, אז דער אויבערשטער וועט עם העלפן - דאס איז א גרויסע דרגה, אז דער מענטש איז זיך מבטל צום אויבערשט'ן.

### דרגא א - השלך על ד' יהבך

אזוי ווי דער הייליגער ר' פנחס קוריצער זי"ע לערנט אונז אויס, אז ווען א מענטש זעהט אז ס'איז דא אויף עהם דינים, גרויסע דינים, און ס'איז עם זייער שווער, און ער געבט זיך נישט קיין עצה, ס'איז עם מורעדיג שווער - קומט ר' פנחס קוריצער מיט א מורעדיגע יסוד: הער אויף צו דאווענען! מאך נישט קיין סגולות! לויף נישט אין מקווה! (ווי ער זאגט...) - הער אויף מיט אלעס, **זיי בוטח אין אויבערשט'ן**, און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן! אמאל דער שוויגן, דער זיך מבטל זיין צום אויבערשט'ן, און ווארטן פשוט אויף ישועת ה', שטיין מיט אופגעהויבענע הענט, און מיט אפענע אויגן צום באשעפער, און זיך צוטשעפען נאר צום באשעפער, און האפן אז נאר ער קען מיר העלפן - איז דאס איין, די גרעסטע סגולה... (ווי מ'רופט דאס), און די גרעסטע תפילה, און די גרעסטע זאך, אז דער אויבערשטער זאל שיקן די ישועה. דאס הייסט - ער איז בוטח אין אויבערשט'ן

### דרגא ב - "כגמול עלי אמו",

אדער, ס'איז דא נאך א דרגה אין 'חובת הלבבות' - וואס דער מענטש איז זיך מבטל, איך וויל וואס דער אויבערשטער וויל. און ער איז צופרידן אזוי ווי דער אויבערשטער פירט עהם.

מ'וועט דאס פארשטיין - ס'איז דא א באוואוסטער 'ייטב לב'. דער 'ייטב לב' זאגט אויף די פסוק "כגמול עלי אמו", איז ער מסביר אז ס'איז אזוי ווי א קליין קינד וואס קען זיך בכלל נישט מסדר זיין, ער קען גארנישט טועהן, און די מאמע טוט פאר עהם אלעס. און ווי מער ער קען זיך יא מסדר זיין - נעמט אראפ די מאמע די אחריות, און זי 'לאזט עם אליין'...

### "כגמול עלי אמו" האט אויכעט דרגות

באמת אין דעם וועט מען אויכעט זעהן אז ס'האט דרגות, "כגמול עלי אמו" האט אויכעט דרגות. וויל אזוי ווי מיר טרעפן אין הלכות שבת. א קינד וואס ער קען בכלל נישט גיין, און מען טראגט עהם ארויס אין רשות הרבים, איז מען חייב אויף הוצאה וויל איך זאג נישט 'חי נושא את עצמו'. אבער אין די מינוט וואס דער מענטש קען שוין גיין איז שוין גרינגער די גאנצע זאך, מ'רופט דאס "חי נושא את עצמו". א קינד וואס באמת - ער פארלאזט זיך נישט אויף די מאמע, וויל ער האט נאך נישט קיין שכל זיך צו פארלאזן אויף די מאמע. אזא פיצל קינד איז ממש בטל צו די מאמע, און די מאמע איז אינגאנצן פארנומען מיט עהם - וויל ער האט נאך ניטאמאל קיין שכל זיך צו פארלאזן אויף די מאמע, עד כדי כך! דאס איז א מורעדיגע דרגה פון ביטול.

ער ווערט עלטער, און ער פארשטייין שוין: איך דארף יעצט דאס און דאס... מ'דארף מיר דאס טועהן... איז וואס וועט זיין? - די מאמע וועט מיר דאס טועהן. דאס איז שוין ווען ער ווערט מער א 'ישות' פאר זיך אליין. ער ווייסט שוין ווען ער דארף, ער פארשטייט וואס ער דארף. יעצט ווייזט ער ווי ער געבט זיך מער שוין אליין א עצה, און ווי ער אנטוויקלט זיך און ער ווערט גרעסער, און ער הייבט שוין אן טועהן אליין זאכן, געבט מען עהם צו טועהן אליין. ער קען שוין אליין האלטן א לעפל - וועט מען עהם געבן אליין צו עסן, יעדע זאך לויט ווי גרעסער מ'ווערט.

### מיר טרעפן 'יוסף הצדיק, נוצן דעם ווארט "אלוקים"

וואס קומט ארויס למעשה, דער טייטש פון די ווארט "אלוקים", מיר טרעפן ביי יוסף הצדיק, ווי ער ניצט דא דעם ווארט "וישלחני אלוקים לפניכם", און די זעלבע זאך "לא אתם שלחתם אותי כי אלוקים". און מ'וועט דאס טרעפן ביי סוף פרשת ויחי דארט זאגט דאס יוסף הצדיק ארויס אסאך שטערקער. ווען די ברידער האבן מורא געהאט אז ער גייט זיך נוקם זיין, האבן זיי געזאגט אז דער טאטע האט אנגעזאגט, א גאנצע זאך. רופט זיך אן יוסף הצדיק צו זיי די ווערטער "ויאמר להם יוסף אל תראו כי התחת אלוקים אני". דער טייטש פון "אלוקים" - איז שטארקייט, כוח. [כידוע שם **הוי"ה** - איז **מהווה**, חסד, משפיע. **קל** - שם של **חסד**. **אלוקים** - א לשון פון א **שטארקייט**. דער טייטש פון "אלוקים" איז א שטארקער גאט. דער שטארקער גאט.

### 'בעל בטחון' הייסט -איך האב נישט קיין כוח

קומט אויס פון דעם, אז יוסף הצדיק רופט זיך דא אן - איר מיינט אז 'איך' האב שטארקייט?! איך בין מגלה פארקערט פאר די וועלט, אז אונז האבן **נישט** קיין שטארקייט. דער טייטש פון א 'בעל בטחון'. בטחון - הייסט אז איך האב נישט קיין כוח, און איך בין בוטח, איך באקום א מוירעדיגע כוח.

דער 'כוח הצדיק' הייסט אז דער צדיק האט אזא גרויסע כוח וואס די כוח באגלייט עם נאכאנאנד צו אריין נעמען ביי זיך אין הארץ- אז ער האט נאר דעם כוח פון אויבערשט'ן. ער פארלאזט זיך אינגאנצן נישט אויף זיין כוח. ער איז צוגעטשעפעט צו דעם גרויסן גרויסן כוח, וואס די כוח באגלייט עם נאכאנאנד, דאס איז דעם כוח פון אויבערשט'ן. - דאס איז דער 'כוח הצדיק'.

### צדיק באמונתו יחיה

וואס קומט ארויס למעשה, פאר א איד, וואס וויל לעבן מיט א פינטעלע ביטחון. דארף ער וויסן, דער טייטש פון בטחון, דער טייטש פון דעם כוח הצדיק - צדיקים האבן אריינגעשיינט אין אלע דורות, יעדן מאל, דער "צדיק באמונתו יחיה" און דער יסוד פון די וועלט - אז די וועלט שטייט אויף די כוח הצדיק, דער כוח הצדיק הייסט - **אז איך האב נישט קיין כוח, און דער אויבערשטער איז דער אמת'ע כוח!**

**דער 'יש המוחלט' איז דער אויבערשטער.**

מ'וועט דאס רופן אין נאך א סארט שפראך: ס'איז דא אזא זאך א 'יש' און ס'איז דא אזא זאך 'אין'. א 'יש' איז איז דער טייטש - איך זעה דאס יא. 'אין' איז דער טייטש - איך זעה דאס נישט. נארמאל ווי ס'זעהט אויס די וועלט, פאר די אויגן זעהט אויס די וועלט א 'יש', און דער אויבערשטער זעהט אויס א 'אין'. אבער ווער איז דער 'יש' המוחלט?! ווער איז דער מהווה פון די גאנצע וועלט - ער. און די וועלט האט נישט קיין קיום אן עהם.

ווי מער מ'איז מבטל דעם 'יש' פון די וועלט, בין איך מער צוגעטשעפעט צו דעם 'יש המוחלט' וואס רופט זיך דעם אויבערשטער.

### צדיק יסוד עולם

קומט אויס, אז דא ביי יוסף הצדיק וואס עהם רופט מען - דער יסוד פון די וועלט, אויף עהם שטייט די וועלט. "צדיק יסוד עולם", אויף וואס פאר א יסוד שטייט דאס? דער יסוד - אז דער אויבערשטער איז דער אמת'ער כוח, און אונז זענען גארנישט קיין כוח.

דער אויבערשטער זאל העלפן, מ'זאל דאס אלעמאל געדענקען, און לעבן באמת מיט אמונה און מיט בטחון אין דעם גרויס'ן באשעפער. און באמת אלע מאל האבן דער כוח עליון צו לערנען, צו דאווענען, צו טועהן יעדער זאך. ווייל אן אנדערע כוח איז נישט אונזער כוח, און אונז ווייסן אלע מאל אז אונז זענען צוגעטשעפעט צו דעם גרויסן כוח וואס דאס וועט אונז געבן די אמת'ע כוחות, אין אלעס, אין גשמיות און אין רוחניות.

מ'זאל דערלעבן צו לעבן מיט דעם.

# שיעור הכנה לחתונה - יום החופה

### יום החופה

אין די מסגרת פון נאך א שיעור הכנה צו די חתונה פון מיין זוהן ראובן בעז"ה, וועט מען רעדן די נקודה וואס רופט זיך "יום החופה", די גרויסקייט פון דעם טאג פון די חופה, אונז ווייסן מ'זאגט נישט תחנון, אבער וואס ליגט אין דעם 'טאג'? מ'וואלט געקענט זאגן אז דער טאג איז דער הכנה צו די חתונה אליין וואס מען איז אים מוחל על כל עוונותיו, אבער באמת ליגט אין דעם טאג א גרויסע זאך סיי לגבי דעם חתן, און סיי לגבי די שושבינין.

### העולה לגדולה מוחלין לו עוונותיו

ס'איז ידוע וואס חז"ל אז העולה לגדולה מוחלין לו עוונותיו, וואס הייסט דאס עולה לגדולה? און וואס פאסירט אין דעם טאג פון די חתונה? די עליה לגדולה פון די טאג פון די חתונה איז אזוי ווי מ'טרעפט אין די משנה פון יהודה בן תימא, בן חמש למקרא, און ביי דרייצן יאר איז בר מצוה, ס'איז א טאג וואס א מענטש ווערט נשלם צו קענען לערנען מקרא, ביי די בר מצוה ווערט א מענטש א גדול - ער ווערט נשלם צו קענען טראגן אחריות צו קבלת עול מצוות און ער ווערט א בר חיובא.

### 'שושבינין'

דאס זעלביגע ביי די טאג פון די חתונה איז ער עולה לגדולה ער גייט ארויס פון די בחינה פון א זאך וואס רופט זיך 'בן ובת' און ער גייט אריין אין א בחינה 'אבא ואימא', פון דעם איז צו פארשטיין אז ער גייט ארויף א דרגא, אבער באמת נישט נאר ער גייט ארויף א דרגא, נאר מ'רופט איהם חתן דומה למלך, און וועגן דעם איז זייער קלאר און עס ווערט זייער גוט ארויס געברענגט די ענין פון 'שושבינין', ווייל מיר ווייסן דאך אז 'אין מלך בלא עם' וואס ס'איז נישטא ביי אנדערע זאכן אין די גאנצע קורת החיים פון א מענטש, דורך דעם גאנצן לעבן, וואס האט צו טוען מיט די שושבינין, נאר די יום החופה האט מיט די שושבינין, ווייל די מענטשן פון ארום און ארום בויען אויף דעם מלכות און זיי געבן כח צו גיין ווייטער.

### די ערשטע טאג איז חסד

ממילא טרעפט מען טאקע אין די גמרא אז ס'קאכט זיך א גאנצע נושא פון בתולה נישאת ל'יום' רביעי, פון אנהייב טאקע קוקט אויס די סוגיא וועגן גיין אין בית דין, אבער צום סוף זעהט מען אז דעם טאג פון די חתונה איז זייער משקף ס'האט אסאך צוטוען מיט'ן טאג מיט דעם סגולת היום, און אזוי ווי מ'וועט פארשטיין אז א מענטש אזוי ווי עס איז ראש השנה די ערשטע טאג פון יאר אזוי ווערט נגרר די גאנצע יאר, אזוי אויך היות די טאג איז די ערשטע טאג פון די שבעת ימי המשתה איז דאס א מורא'דיגע היוכע טאג, און מ'וועט דאס אנרופן אזוי ווי יעדע 'זיבענע' וואס די ערשטע איז אלעמאל חסד, וועגן דעם טאקע די ערשטע טאג מאכט מען אסאך חסד, מ'טיילט צדקה, ס'איז ידוע די מעשה אין די גמרא פון די טאכטער פון רבי עקיבא אז די כלדאים האבן געזאגט זי וועט שטארבן ביי די טאג פון די חתונה, און למעשה זי האט געטוהן חסד זי האט געגעבן פאר אן ארעמאן און מיט דעם האט זי געראטעוועט איר גאנצע לעבן.

און צו פארשטיין אביסעלע טיפער די מדת החסד, ס'איז ידוע די נקודה פון חתונה האבן און בויען א אידישע שטוב ווערט גערופן אין די תורה 'חסד', און אויכט ח"ו די פארקערטע פאל ווערט אנגערופן חסד.

### חסד קל כל היום

אין יום החופה גייט ער ארויס פון חסד פון די פארקערטע זייט, ער טוהט תשובה, ער רייניגט זיך, ער גייט אריין אין 'חסד קל כל היום', ווערט דאס אנגערופן חסד דכולא יומא אויף די קומענדיגע זיבן טעג, אזוי ווי אין די ערשטע טאג איז נכלל די קומענדיגע זיבן טעג, ס'קומט יעצט זיבן טעג וואס דאס איז געבויעט פון זיבן מידות, אבער באמת אין דעם ערשטן טאג ליגט שוין די גאנצע, ס'איז בתר רישא גרירא, און דאס איז משפיע חסד אויף דעם גאנצן לעבן.

### אויסנוצן די הויכקייט פון דעם טאג

וואס קומט ארויס למעשה, וועגן דעם איז דא א שטארקע יצר הרע און א בעל דבר, וואס ער שלעפט אוועק די מענטש צו אריינלייגן די קאפ אין קלייניקייטן, נישט געדענקן די 'גרויסקייט' פון דעם טאג, די 'שמחה' פון דעם טאג, די שמחת התשובה פון דעם טאג, מ'ווערט פארנומען מיט כל מיני קלייניקייטן וואס אמאל איז דאס קטנות פון קליין געלט, די גאנצע חתונה קאסט זייער אסאך געלט, מ'האט איהם פשוט אפגענארט מיט קליין געלט און ער פארברענגט גאנצע שעות מיט קלייניקייטן, אמאל איז דאס די חתן אדער די כלה, אדער אפילו די שושבינין, ס'איז א שאד צו דערלייגן אזא גרויסע טאג אין אריינלייגן אין קלייניקייטן.

היוצא מדברינו, די הויכקייט פון דעם טאג דארף מען אויסנוצן, און וויסן אז ס'איז א צייט פון עולה זיין לגדולה, ס'איז א צייט וואס מוחלין לו כל עוונותיו ווען מ'טוהט תשובה, ס'איז א צייט צו משפיע זיין חסד אויפן גאנצן לעבן, אריינגיין אין חסד דקדושה, מיט א צורה פון שמחה קען מען צוקומען צו דעם, דורך עפענען א ברייטקייט אין הארץ פאר אנדערע,

### בסבר פנים יפות

דער אופן פון טוען חסד קען מען ברענגען אויף דעם א קליין דוגמא אויכעט, ווייל אפילו איינער קען נישט טיילן אסאך געלט, אבער למשל ליל החתונה אז מ'נעמט אויף יעדן איינעם אויף א צורה 'איך האב געווארט אויף דיר', מ'גיבט איהם א הרגשה איך דארף דו זאלסט קומען צו מיין שמחה, דאס אליין איז א חסד, אמאל איז לבן שנים מחלב, ווי חז"ל דרש'נען גדול המלבין שיניים לחבירו יותר ממשקהו חלב, איז אמאל מער די גיבן יענעם אן הרגשה טובה, ווי גיבן פאר אן ארעמאן, ארויסוויזן יענעם, איך האב געווארט אויף דיר, איך פריי זיך מיט דעם וואס דו ביזסט געקומען צו מיין שמחה, און נישט מ'נעמט איהם אויף בדרך אגב, נאר בדרך צורה של חיבה, און בצורה של 'האסט מיר געטוהן א גרויסע טובה', און דאס איז פונקט ווי גיבן פאר צדקה פאר אן ארעמאן, דער אייבישטער זאל אודאי העלפן אז די נאכט פון די חתונה די יום החסד זאל משפיע זיין אויף דעם גאנצן לעבן חסדים רחמים וחסדים נגלים

# ליל החתונה

### 'עולם הנגינה'

מ'שטייט ב"ה יעצט פאר די חתונה פון ראובן, וועט מען רעדן נאך א נקודה פון די גרויסקייט פון ליל החתונה. מ'זינגט שירות ותשבחות פארן אייבערשטן, מ'שטעלט אוועק כלי נגינה, ס'איז א גרויסע עבודה געוועהן ביי צדיקים, למעשה די נושא פון 'שירה מיט נגינה', וואס דאס מיינט, אונז זענען דאס מתרגם אויף 'ריבוי שמחה', דביקות צום אייבערשטן, וכו' וכו', די וועלט רופט דאס 'עולם הנגינה', אויף עולם הנגינה איז אויכעט דא א גאנצע וועלט צו רעדן וועגן דעם, אבער ס'קען נישט אריינגיין אין איין שיעור, דאס איז געבויט מסתמא פון א שיינע פאר שיעורים, אבער בתור הקדמה, בתור המושג האבן א שייכות וועט מען רעדן אפאר ווערטער.

### צורך הבריאה

די ערשטע זאך - די צורך הבריאה פון די וועלט איז דאס 'זינגען', דאס א טראפעלע צו פארשטיין, - אדם הראשון, ער איז נאר ממש קוים באשאפן געווארן, און גלייך ביז אפאר שעה 'מזמור שיר ליום השבת', אין די צייט וואס איז חשך עולמו אביסל פארדעם, ער זינגט שוין, די גאנצע בריאה זינגט.

נאך מער אלע וויסן ס'דא 'פרק שירה', די גאנצע בריאה זינגט, יעדע נברא זינגט פארן באשעפער. אונז וויסן אויך ביי די מלאכים, די עבודת המלאכים איז איין זאך - זאגן שירה פארן אייבערשטן, און נאך די שירה קומען זיי שוין אן צו די זייער גאנצע תיקון מיט די גאנצע זאך, איין מאל אין לעבן זאגן זיי שירה, "די מלאכים זאגן שירה".

ווען א מענטש זינגט ווערט ער צוגעטשעפעט, ס'איז אזוי ווי א קייט, שירה איז א לשון שרשרת, נמשכין בשיר, יוצאין בשיר, - א משנה אין שבת. א ניגון איז געבויט אזוי ווי א שטיקל אין א שטיקל איינגעפלאכטן מיט לופט צווישן.

### צוגעטשעפעט צו וועמען

צו וועמען איז דאס מחבר? ווען מ'איז זוכה איז מען דאס מחבר צו קדושה אזוי ווי די לוים זענען געשטאנען און געזינגען אין ביהמ"ק, די איד איז נתעורר געווארן צום אייבערשטן, ער האט געוויינט, ווען ס'איז געוועהן א ניגון של שמחה האט ער זיך געפריידט צום אייבערשטן,

אזוי ווי אונז וויסן 'נפשי יצאה בדברו' א מענטש ווען ער רעדט - זיין נפש רעדט, שירה איז אזא סארט סגולה, ממילא מ'קען מיט שירה זיך צוטשעפען צו מורא'דיגע זאכן, און מ'ווערט טאקע דערהויבן פון שירה, די 'תורה' ווערט אנגערופן א לשון פון א 'שירה', און ס'איז טאקע איסתכל באורייתא וברא עלמא, איז די וועלט געבויט געווארן דורך כח השירה, און ממילא קען מען פארשטיין אז די זינגען איז די יסוד הבריאה.

בתור ווערטל איז ידוע אז ווען איינער ס'גייט איהם נישט גוט אין לעבן זאגט מען 'ער האט צו זינגען און צו רעדן' ווייל אלעס אין די בריאה איז א בחינה פון זינגען, עד כדי כך, אז ס'איז ידוע די חתם סופר האט געהאט געזאגט אמאל, ער וואלט אוועק געגעבן א חלק פון עולם הבא פאר איינעם וואס וואלט איהם געקענט געבן די מתנה פון זינגען, ער האט געהאט א מורא'דיגע כח פון שרייבן שיעורים און דברי תורה אבער נישט נגינה.

### 'שיר של יום'

נאך מער, אין אונזער לעבן נעמט דאס ארום זייער אסאך, אונז זאגן דריי מאל אינדעפרי די שירה פון די מלאכים, צו ס'איז ביי יוצר אור, צו ס'איז ביי קדושה, צו ס'איז שפעטער ובא לציון, די גאנצע דאווענען איז געבויט מיט א גרויסע יסוד וואס רופט זיך 'פסוקי דזמרה', 'שירת הים', 'שיר של יום', ס'איז א וועלט, מיר טרעפן אז נאך מער, די אייבישטער האט געוואלט ראטעווען כלל ישראל פון סנחריב האט ער געגעבן צו הערן פאר אלע זיינע סאלדאטן זיי זאלן הערן די שירה פון די מלאכים, זיי האבן אזא דביקות געהאט פון אזא זיסקייט אז פרחה נשמתם, דאס איז די חלק פון זינגען.

### די כח פון א ניגון

יעצט, ס'איז דא די כלי נגינה, אזוי ווי מ'טרעפט אין די תורה אנהייב, אבי כל תופש כינור ועוגב, מ'נעמט א דומם און מ'קערט עס איבער, א דומם רעדט, זינגט, ער גיבט ארויס א כח די כינור, ס'דא עשרה מיני נגינה שמות נגינה, די נגינה נעמט ארום זייער אסאך, ממילא

קען מען פארשטיין פארוואס די פארקערטע צד פון קדושה לייגט אסאך כוחות אויף דעם, פארוואס? ווייל ס'דא אין דעם זייער א גרויסע אוצר, און ווייל ס'דא אין דעם זייער א גרויסע אוצר זוכען זיי אויכעט דארט צו האבן שייכות, און וועגן דעם וועט מען עס פארשטיין, ווייל ס'איז זייער שטארק א נפקא מינה די איד וואס האט מחבר געווען דעם ניגון, וואס האט ממשיך געווען פון עולם הנגינה פון דעם הויכע עולם אראפגעברענגט אויף די וועלט דעם תנועת הניגון, אזוי ווי א איד וואס ברענגט א חידושי תורה אויף די וועלט זאגט מען איבער 'דער און דער זאגט אזוי', כ'פארשטיי נישט, דאס איז א נקודת אמת? דאס איז א נקודת תורה? וועגן וואס דארף איך עס איבער זאגן איהם? נאר די געדאנק פון איבער זאגן פון איהם איז - ער האט געברענגט אויף די וועלט די נקודת תורה, ער האט דאס מגלה געווען, 'מביא גאולה לעולם', און די זעלבע זאך די ווערטער פון דעם ניגון, ער האט געברענגט די ווערטער אויף די וועלט.

און לעומת זה טרעפט מען 'קול באשה ערוה', וואס איז? די זינגט?? ניין! זינגען איז נישט קיין פשוט'ע זאך עד כדי כך, ס'ווערט א חיבור, ס'ווערט א נקודה וואס האט שייכות צו א זאך וואס טויג נישט.

### די כח השמחה ביי א חתונה

וועלן מיר אראפגיין למעשה, ביי א חתונה, מ'וויל מעורר זיין די כח השמחה, מ'דארף מעורר זיין, און מ'גייט בויען א נייע וועלט, די בריאה דארף זינגען שירה, מען דארף ווערן נתעורר צו שירה, און דורך די שירה באקומט מען דביקות, דאס איז געמאכט געווארן צו ווערן באהאפטן צום אייבישטן, און וועגן דעם זינגט מען כל מיני פסוקים מיט זאכן, אבער במאמר המוסגר אז מ'נעמט איינער וואס ער זינגט מורא'דיגע פסוקים, 'צמאה נפשי לאלקים', 'לבי ובשרי', נכספה וגם כלתה נפשי', ער זינגט נאך נפשי חמדה בצל ידיך לדעת **"כל רז סודיך"**, און דער מענטש איז ניכר מתוך מעשיו אז ער מיט רז סודיך, האט נישט אזויפיל שייכות, און אפילו נישט נאר רז סודיך, נאר אפילו נגלה שבתורה נישט רזי התורה קוקט נישט אויס אז ער האט אזויפיל שייכות, ס'איז א בחינה אמאל פון 'שמו בני' וואס לצים זינגען אויף דעם, איך געדענק אין מיין אלע קינדער'ישע יארן, איז געווען אין ירושלים, ס'איז ידוע אז ר' פסח איז מלשון 'פה סח' וואס ער פלעגט מעורר זיין די נגינה ביי די חתונות, אין ירושלים אלץ זכר לחורבן האט מען מתקן געווען, ס'שטייט פון ר' שמואל סאלאנט אז נאר איין כלי מעג מען שפילן, און ממילא פלעגט מען פויקן, און די זעלבע וואס האט געפויקט האט געזינגען, און ס'איז געווען א התעלות גדולה מאוד.

בדרך מליצה, ס'האט זיך מיר אויסגעשטעלט זיין אין די וועלט, ס'דא אמאל מ'שטעלט אוועק א מנגן וואס דער מנגן אליין איז שוין זכר לחורבן, מ'זעהט דעם חורבן אליין לפי ווי ער זינגט, וואס פאר א ניגונים ער איז ממשיך זעהט מען ליידער שכינתא בגלותא באתגליא ממש.

### משתדל זיין זינגען ווארעמע ניגונים

באמת אז מ'וויל מעורר זיין אין אזא הויכע נאכט אז ס'זאל זיין שירת הלוים, עולם הנגינה, ווערן באהאפטן צום אייבישטן, זאל מען זיך משתדל זיין זינגען ווארעמע חסידישע ניגונים, און נישט אריין מישן די פארקערטע צד - די גויאישע תנועות, און אמאל, מ'דארף נאך רעדן פאר דעם אליין א גאנצע שמיעס, ס'רופט זיך היינט אלולי זמר - אז מ'מאכט א געטשקע פון דעם מנגן וואס ער מאכט כל מיני תנועות, ער פארמאכט די אויגן, ער עפנט אויף די אויגן, ער הייבט אויף די הענט, ער לאזט אראפ די הענט, און די קינדער קענען שוין אלע נעמען פון זיי, דאס איז א שיעור לעצמו, מ'איז מתפלל 'ומלאה הארץ דעה את ה' ותעביר ממשלת זדון מן הארץ' וועט ווערן ארויסגענימען די אלע מושגים, אזוי ווי אין די גויאישע וועלט איז דא ר"ל די ענין פון ספארט, ס'האט נישט קיין שום הבנה, מ'שטויסט אין א באל, אין א פאבע, ס'איז א גאנצע עבודה זרה וואס האט נישט קיין שום היגיון מ'לויפט נאך די זאך, דאס נאכלויפן די זינגער וואס **בדרך כלל דערהייבט דאס נישט די קינדער**, ס'דערהייבט נישט דעם דור, אבער דאס איז אפשר א חלק פון די זכר לחורבן, ס'דא א הלכה אז אויב איינער מאכט א סעודה גדולה דארף ער שטעלן א פארציע אלץ זכר לחורבן, ס'דא כל מיני הלכות פון א גאנץ יאר וואס מ'געדענקט נישט, פאסירט אמאל אזא סארט זכר לחורבן, אמאל זעהט מען די חורבן מיט די אויגן ווי מ'רופט עס.

אבער לאמיר צוריק גיין, די גדלות פון די נאכט פון די חתונה, א איד דארף וויסן **'דערהויבן'** ווערן פון די אלע ניגונים וואס מ'זינגט, און ס'זאל איהם אויפהייבן צו ווערן צוקומען צו דביקות ה', און דעגרייכן די שירה פון די בריאה, אריינשיינען די נקודה פון **'ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים'**


טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות

**ניתן לפנות בכתובת אימייל:** a8426277@gmail.com

**טל': 050-417-0448**

**א פריילִיכע מעלדונג**

**די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:**

**ארץ ישראל - 02-5368970**

**ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488**

**הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן**

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

**שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1**